בע"ה לזכות את הרבים אעתיק פה מרגניתא טבא שנמצא בקרוב כתב הדר
מכבוד הה"צ הקדוש ר' **אהרן הגדול מקארלין** זללה"ה ועכי"א.

**עצבות** איז דאך קיין עבירה. אבער דעם טמטום הלב וואס עצבות פארשטעלט קען ניט פארשטעלן דיא גראבסטע עבירה. תקוה איז דאך ניט קיין מצוה עס איז דאך בכלותו לטבוליתי' אבער וואס תקוה ברענגט צו גיטען קען דאס דיא רעכטע מצוה ניט ברענגען. וואס מיר במיסען אז מען ברויכט שמחה מיינען מיר ניט שמחה של מצוה וואָרוס שמחה של מצוה איז דאך אמדריגה קען מען ניט פאר לאנגען אז יעדער יד זאל זיין אבעל מדריגה. נאר מיר מיינען ניט קיין עצבות פשוט איד וואס גייט ניט ארוס מיט שמחה מיט דעם וואס ער איז איד איז ער א כפוי טובה דעם הימעל. עס איז צסימן אז ער האט קיין מאל ניט דער הערט דיא ברכה שלא עשני גוי אין וואס ער כאפט זיך צו בין איך א חסיד צי ניט איז דאס גאות. וואס עפיס א חסיד א יוד—עצבות איז שאול תחתית ר"ל וואס, איז דער עצם ענין פון עצבות איז טייך עס קומט מיר עס פעהלט מיר הן בגשמיות הן ברוחניות איז דאס אלץ זיך. וואס עפיס מיר פעלט אביא אין דעם הימעל זאל ניט פעלן—אברהם אבינו זאל זיך וועלן מיט מיר בייטן וועל איך ניט וועלן. וואס אברהם אבינו א צדיק מיט מדריגות אין איך בין אפראסטער מענטש אין אז איך וועל מיר בייטן מיט אברהם אבינו ער וועט זיין אפראסטער מענטש אין איך וועל ווערן אבעל מדריגה. אבער אין הימעל וועט גאר ניט צו קימען נאר מיר וואס איך וועל ווערין אבעל מדריגה איז דאס ווער מיר אין זיך. אין וואס מיר וויל מען ניט דאס ברויכין מיר—אין מען דארף ניט וועלן. מרירות איז טייטש שבירות הלב. אז איך האב גאר ניט אנגיהויבין וואָרין אין ערליכע האר קען מען נ"כ האבין אן מס"כ, האב איך דען גיהאט מס"כ [2] איז דאס טייטש אז איך האב גאר ניט אנגיהויבין איז דאס היפך פון עצבות—אז איך האב גאר ניט אנגיהויבין איז דאך ניט שייך אז עס זאל קימען אודער עס זאל פעלן פון דעסט וועגין שנפ איך דעם אויר אין איך האב מיין הלטרכות

ה'ערכות איז דאך א שמחה אז מיר קימט גאר נית. ע"כ איז מרירות טאקי גיט־נאהר פון עצבות ביז מרירות איז כמוט השערה אין דיא גאנצע תורה איז כמוט השערה והראי' נשמע רובו כשרה מחלה טריפה וויא פיהעל איז פון מחלה ביז א רוב אמשהו—יונגע לייט יעלו שמים ירדו תהומות. ער האט לו בראכינקייט עס קען גאר זיין ירדו תהומות עס איז גאר עצבות הגם יונגע לייט דארפין געוואר ווערין אין עבודה דעם הילוק. נאהר איך וועל אייך זאגין. אז איז געוועזין אחשבון פון עצבות איז דער סימן אז נאך דער לייגט מען זיך שלאפין מען קען זיך נית ליידען אין דעם אנדערין קען מען גווים נית ליידען מען איז בייז מען איז באייז זיך שארף, דאס איז א סימן אז איז געוועזין א חשבון של עצבות—אובער נאך מרירות לאזט נית שלאפין. וואריס וואס איז מרירות אז איך האב גאר נית אנגיהויבין צו טאהן—האפט מען לערנען דאווינין מען שפירט איד אין מען איז נהנה אז מען זעהט א יודען אין מען איז נית שארף מען איז בייא זיך א נישט נאהר פון דעסט וועגין דיא איידילסטע מרירות האט פארט א נגיעה מיט עצבות אין דיא גימיינסטע שמחה וואקסט פון קדושה :

### עוד זאת שמעתי משמו הנ"ל.

**מדינא** דגמ' היא שיעור הונאה עד שתות. והנה ידוע דמדת יסוד היא מדה הששית מע"ס ע"כ אם האדם מחזיק עצמו שהגיע עד מדת יסוד יש בו הנאה. שיכול להונות עצמו עד שתות כנ"ל אבל אם הוא בבחי' ! ונפשי כעפר לכל תהי' אזי הא אין הונאה לקרקעות ודפח"ח :

הועתק והוכנס לאינטרנט
www.hebrewbooks.org
ע"י חיים תשס"ד

אין געוועב
IN GEVEB A JOURNAL OF YIDDISH STUDIES

R. Aaron of Karlin. *Keneses yisroel*, 73a–b. Warsaw, 1906.